# עס הייבט זיך אָן מיט אַ „קוש" אין לאָס־אַנדזשעלעס

בעתן סוף־וואָך פֿונעם 15 – 16טן דעצעמבער, 2007, האָבן די פֿאַרזאַמלטע אינעם לאָס־אַנדזשעלעסער „ייִדישן קולטור־קלוב" און אינעם „קאַליפֿאָרניער אוניווערסיטעט פֿון לאָס־אַנדזשעלעס" (UCLA) באַקומען אַ זיסן „קוש פֿון ייִדיש"; אַ פּראָגראַם אָראַנזשירט דורכן „קאַליפֿאָרניער אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער שפּראַך און קולטור" און דעם „צענטער פֿון ייִדישע לימודים" בײַם אוניווערסיטעט. עס האָבן דורכגעפֿירט „דעם קוש" די אַרטיסטן מענדי כּהנא, פֿירער פֿון „יונג־ייִדיש" אין ישׂראל און זינגער אין דער גרופּע „ייִדיש עקספּרעס", די זינגערין עליזאַבעט שוואַרץ, ווי אויך פֿיר פֿעיִקע ייִדישע שפּראַך־לערערס פֿון קאַליפֿאָרניע.

און וואָס הייסט אַ „קוש"! אויף דער טעמע „די ייִדישע חתונה", האָט זיך אַנטוויקלט אַ פּרעכטיקער אָוונט פֿון געזאַנג, אַ טאָג פֿון שמועס־קלאַסן, און אילוסטרירטע לעקציע וועגן בדחנות און אַ וואַרשטאַט פֿון ליבע־און חתונה־לידער.

מע האָט אויסגעקליבן אַ פּאַרפֿאָלק צו שפּילן די חתן־כּלה, דווקא אַ פּאָרל פֿון דער שארית־הפּליטה, וואָס האָט געפּראַוועט דעם 60סטן חתונה־יובֿל און איז גוט באַקאַנט דער ייִדישער קולטור־וועלט אין לאָס־אַנדזשעלעס: יעקבֿ „יאַנעק" לעווין, אַ באַוווסטער אַקטיאָר אויף דער ייִדישער בינע, מיט זײַן פֿרוי, רעגינע. זיי זענען יאָרן לאַנג זייער טעטיק אינעם „ייִדישן קולטור־קלוב."

מענדי און עליזאַבעט האָבן זיי באַזונגען און „באַווייַנט" ווי עס פּאַסט פֿאַר אַ ייִדישער חתונה. אָבער ניט דאָס פּאָרפֿאָלק, ניט דער געפּאַקטער עולם אין קלוב (אַרום 120 מענטשן, פֿון 18 ביז 90 יאָר אַלט) האָבן דערוואַרט אַזאַ סורפּריז דעם מוצאי־שבת – דער זינגער און אַקטיאָר, טעאָדאָר ביקעל, איז געקומען און באַזונגען דאָס פּאָרל מיט אַ צוויי, דרײַ פֿריילעכע לידער לכּבֿוד זייער „חתונה".



טעאָדאָר ביקעל (אין מיטן) צוזאַמען מיט מענדי כּהנא און עליזאַבעט שוואַרץ.

נאָך אַ סורפּריז איז פֿאָרגעקומען אויף צומאָרגנס אינעם אוניווערסיטעט בײַ מענדיס לעקציע וועגן בדחנות. ער האָט געהאַלטן אין מיטן ווײַזן די סצענע פֿונעם קלאַסישן ייִדישן פֿילם „פֿישקע דער קרומער", ווו מע האָט חתונה אויפֿן בית־עולם, ווען די אַקטריסע, וואָס האָט געשפּילט די כּלה אין יענעם פֿילם, איז אַרײַן אין קלאַס – די 92־יעריקע העלען בעווערלי! זי איז אַרײַנגעקומען מיט איר גאַנצער משפּחה, איר טאָכטער און אייניקלעך. זיי האָבן דערנאָך באַמערקט, אַז זיי האָבן באַקומען אַ נײַעם פֿאַרשטאַנד וועגן דער ריַיכקייט פֿון דער ייִדישער קולטור, אַ דאַנק מענדיס איבערבליק פֿון בדחנות. נו, די ווערטער האָבן באַשטעטיקט, אַז דער סוף־וואָך – „אַ קוש פֿון ייִדיש" – איז אוודאי געווען אַ געראָטענער און די פֿאָרזיצערין פֿונעם „קאַליפֿאָרניער ייִדיש־אינסטיטוט", מרים קאָראַל, האָט יעדערן פֿון דער משפּחה געגעבן אַ האַרציקן קוש!

מ. ק.